# איז די ספר הקדוש **ויואל משה** א ספר וואס איז מברר אן "הלכה"

חלק ב

# אדער מברר די "אמונה" אינעם אייבערשטען

**(עס איז א המשך צום פאריגען מאמר)**

## תמצות פין די פאריגע מאמר.

אז די מלחמה פינעם רבי'ן אויף וואס ער האט אזוי לוחם געווען אין פארפירט איז נישט געווען ווייל די אגודה האט געהאלטן אנדערש פין אים לגבי זיין שיטה אויף די איסור פין אריין גיין אין כנסת אין השתתפות בבחירות.
אין אויך נישט וועגען גזירות וואס די רשעים האבן גוזר געווען ווי "גיוס" א.ד.ג. ווייל ווילאנג עס איז נישט מושך דעם המון עם מרצון עצמו דארף מען זיך נישט זארגן אויף דעם עם ישראל וואס אין אלע דורות ביי די שווערסטע גזירות זענען זיי געשטאנען פעלזן פעסט, יא מען דארף טוען פעולות אפצושטעלן די גזירה אין א ודאי מתפלל זיין, אבער עס קומט נישט אריין לוחם צו זיין מלחמת ה' ווילאנג עס איז נישט קיין קליפה וואס אידן קענען ווערן פארכאפט.
**נאר די מלחמה פינעם רבי'ן זי"ע** אויף וואס ער האט אזוי לוחם געווען בדם לבבו, איז געווען אויף די עצם קליפת הציניות וואס האט זיך נאך אנגעהויבן 50 יאר פאר די ציונים האבן באקומען די בעלות אויף ארץ ישראל אין נאך פאר ווען זיי האבן אנגעהויבן עובר צי זיין אויף די ג' שבועות. וואס דעלמאטס האט די קליפה אפגעפירט **"נישט בע"כ וועגן גזירות, נאר מרצון עצמו האבן זיך טאזענטער אידן ציגעכאפט דערצו"** אין זיך אפגעקערט פין די דרכי התורה אין העברה אויף די תרי"ג מצות אין און די אמונה בהשי"ת אין נאכדעם וואס די רשעים האבן באקומען די בעלות אויף ארץ ישראל האט די רבי זי"ע (אין אלע גדולי ישראל) געציטערט אז יעצט גייען זיי האבן אן השפעה אסאך מער ווי ביז יעצט אין נאכדערצו ווען זיי האבן געהאט זייערע נצחונות האט ער מורא געהאט אז די המון עם וועלן זאגן שוא עבוד אלוקים ומה בצע כי שמרנו משמרתו וויבאלד די דרך רשעים צלחה, אין מען וועט פארכאפט ווערן אין זייערע השקפות אין חלילה אפלאזען די תורה אין די אמונה בהשי"ת, אין אויף דעם האט ער לוחם געווען אין זיך געבעטן ביי די אידישע פאלק מנע רגליכם מנתיבתם.

אין אויף דעם האבן אינז געשריבן אז היינט ווען מען קוקט צירוק זעהט מען אז עס איז שוין נישט געווען אין די לעצטע 60-50 יאר איין איד וואס האט אפגעלאזט די הייליגע תורה וועגן די אידילאגיע פין די ציונים אלזא דארף מען שוין מער נישט פירן קיין מלחמות כאילו עס פאלן טאג טעגליך אידישע קינדער פין אידישקייט.(עיי"ש אין דעם פאריגען מאמר באריכות)

## פאר וואס האט די רבי געשריבן זיין ספר ויואל משה?

אין וויבאלד די גדולי ישראל פין די אגודה האבן געהאלטן אז מען טאר נישט לאזן די גאנצע בעלות פין די ממשלה אין די האנט פין די רשעים אין מען דארף נעמען א חלק אין די ממשלה ווייל עת לעשות לה' (**נישט וועגן זיי האבן געוואלט האבן א מדינה, נאר ווייל אויב די גאנצע ממשלה וועט ליגען אין די האנט פין די פורקי עול קענען זיי גוזר זיין גזירות בע"כ אויף די ערליכע אידן**). אין אויפדעם האט די רבי געהאלטן אז סוף סוף קומט אויס וועלן די ערליכע אידן האבן א שייכות מיט די פורקי עול, איז קען זיין אז די המון עם וועט ווערן נאכגעשלעפט נאך די רשעים "מרצון עצמו" אזוי ווי פארן קריג אשר ע"כ זאל מען שטיין ווייט פין זיי כמטחוי קשת אין ער האט געהאלטן אז וויבאלד א גרויסע עולם האלט נישט ווי זיין דעה, איז אויב ער וועט עס מברר זיין אויך להלכה וועט עס שטארקער נתקבל ווערן, אין אויף דעם האט ער געשריבן זיין ספר "ויואל משה" אין עס מברר געווען אויך ע"פ הלכה אז עס גרעניצט זיך מיט הארבן איסורים, קומט אויס אז נישט די איסורים האבן אים געברענגט צי שרייבן די ספר, אין אפילו מען וואלט ווען אפגעפרעגט זיין בירור וואלט ער זיך נישט געטוישט זיין מיינוג פין נישט האבן קיין שייכות מיט די פורקי עול אפילו אויף אויפצוטוען, (ווייל אויב עס פעלט זיך אויס קען א יעדער אמת'דיגע גדול בישראל טרעפען א היתר אויף א יעדע איסור וואס איז געווארן אסור דורך א בירור הלכה ווייל סוף סוף א בירור איז נאר א בירור עס איז נישט דא קיין איין איסור ע"פ בירור וואס מען קען נישט זאגן צדדים לכאן ולכאן) נאר די פחד אז די המון עם זאל נישט אפלאזען די תורה.

## האט די רבי טאקע געהאלטן אז א חבר הכנסת אין די משתתפים בבחירות האבן אן הלכה פין "מינים"?

## איז יעדער וואס האט הנאה פין זייערע נצחונות טאקע א "מין", אדער האט הרהור מינות?

די אידישע דת האט אין זיך 2 חלקים די תרי"ג מצות אין די יג' עיקרים, וואס איז די חילוק צווישן די 2, די תרי"ג מצות אפילו אויב א איד איז ח"ו עובר במזיד איינע פין זיי אדער אויב ער איז אויפגעוואקסען אין מען האט אים נישט אויסגעלערנט למשל די מצוה פין 'שמירת שבת' אין ער מיינט אז 'שבת' איז נישט א חלק פין די תורה, איז ער נאך א חלק פין כלל ישראל, ער דארף תשובה טוען, אבער אפילו נאך פארן תשובה טוען איז ער נאך א איד אין ער האט נאך די מעלות וואס א אידיש קינד האט. משא"כ די יג' עקרים אפילו מען האט אים קיינמאל נישט אויסגעלערנט צו גלייבן אפילו נאר איינס פין די 13 זאכן איז ער נישט א חלק פין די עם ישראל אין מען מעג אים פיינט האבן אין מען דארף נישט רחמנות האבן אויף אים, קען זיין ער איז נישט שולדיג אבער

א איד הייסט ער נישט, ווייל דאס איז די אפטייטש פין אן "עיקר-יסוד" ווי די חתם סופר זאגט "נפל היסוד נפל הבנין" פונקט ווי א בנין איז נישט מעגליך צו שטיין אן קיין יסוד אפילו מען האט אים נישט אויסגעלערנט אז מען דארף בויען א פודאמענט אין די בילדינג ציפאלט, ער איז טאקע נישט שילדיג, אבער במציאות קען נישט די בילדינג שטיין, אזוי איז נישט מעגליך במציאות צו מקיים זיין די תרי"ג מצות אן גלייבן אין אלע 13 עיקרים.

יעצט לאמיר גיין ווייטער וואס איז די אפטייטשט פין א "מין" אין "אפיקורס" אן אפיקורס איז איינער וואס איז א פורק עול אין ער גלייבט נישט אין איינע פין די יג' עיקרים, אין אפילו ער "גלייבט נישט" נאר אין איין מצוה פין די תרי"ג מצות הייסט ער שוין אויך אן אפיקורס ווייל דאס מיינט אז ער גלייבט נישט אין די עיקר ט' פין "זאת התורה לא תהא מחולפת".
א "מין" טייטשט אפילו ער איז נישט קיין פורק עול אבער ער איז פארדרייט געווארן אין איינע פין די "עיקרים" פין די תורה.

יעצט ווען עס מאכט זיך א שאלה אויף א זאך צי עס איז מותר אדער אסור, וואס אויב א איד נעמט אן אז עס איז מותר נישט מחמת פריקות עול נאר ווייל ער האלט באמת אז די רצון ה' איז אז עס איז מותר, אין עס רירט אים נישט אן קיין פונטעלע אין איינע פין די 13 עיקרים, אזא איד אפילו קען זיין ער האט זיך טועה געווען הייסט ער נישט קיין "מין" וכ"ש נישט קיין "אפיקורס" אפילו בטעות, אין אפילו עס קומט א גדול בישראל אין ער איז מברר מיט בירורים אמיתים ווי חמור די זאך איז אין ער איז עס מדמה אפילו צו מינות, איז נישט מעגליך אז ער אליינס האט געהאלטן אז עס איז מינות ממש אפילו אויב ער האט געשריבן בפירוש "מינות" קען אויך נישט זיין אז ער האט אזוי געהאלטן, ווייל סוף סוף נאכאלעם האט עס נישט אנגערירט דעם "מתיר" קיין פינטעלע אין איינע פין די 13 עיקרים, נאר עס מיז זיין אז ער האט געהאלטן אז מען דארף שרייבן שארף למיגדר מילתא אבער נישט ווייל באמת איז ער א "מין", קען זיין עס איז אן "איסור חמור" אבער "מינות" איז עס נישט. **ודון מינה ואוקי באתרא לגבי גיין בוחר זיין אן חבר הכנסת וואס זיי האלטן באמת אז זיי טוען אויף פאר אידישקייט.**

אין די זעלבע לגבי די ענין פין הנאה פין די נייעס פין ארץ ישראל דארף מען אויך פונקטליך וויסען וואס עס ליגט אינעם מחשבה פין דער מענטש וואס האט הנאה, צי פרייד ער זיך טאקע ווייל די אידן האבן א מדינה אין מען איז ווי האלב ווענס באפרייט פינעם גלות, דעלמאטס גרעניץ זיך עס טאקע מיט מינות ווייל עס רירט אן די עיקר יב' פין ביאת המשיח, אבער אויב פרייד ער זיך סתם ווייל ער האט ליב נייעס, אין אפילו אויב אמעריקא וואלט געווען בעה"ב אויף ארץ ישראל, אין זיי וואלטן זיך געשלאגען מיט די אראבערס אין געהאט א ניצחון, וואלט ער זיך פונקט אזוי געפרייד, קומט נישט אריין קיין "מינות", אויב עפעס נישט מער ווי אן איסור.

## דאס אז קיינער האט נישט אפגעפרעגט די ספר ויואל משה איז א סימן אז מען קען נישט זאגן אנדערש?

אין די ענין וואס מען זאגט אז קיינער האט נישט אפגעפרעגט דעם ויואל משה, כידוע אין די תורה הקדושה א יעדע שאלה וואס עס פעלט זיך אויס א בירור קענען די חכמי ישראל מברר זיין די שאלה אויף מט' פנים טהור אין מט' פנים טמא, ווייל סוף סוף א בירור איז נאר א בירור אין מען קען טרעפן ראיות מיט סברות לחלק לכאן ולכאן, איז ווייל מען האט נישט אפגעפרעגט איז נאך נישט קיין ראיה אז דאס איז עס, אין נאכדערצו בימים ההם ווען עס איז נאך געווען שרי התורה וואס זיי האבן שפאצירט אין די תורה ווי ביי זיך אין גארטן אין זיי האבן געטראפען אין די תורה וואס זיי האבן געוואלט כדוגמא ווי די גאון וקדוש די טשעבינער רב ועוד, איז ווען זיי וואלטן געוואלט וואלטן זיי געקענט טרעפען א בירור פארקערט, איי פארוואס טאקע האבן זיי נישט געשריבן קיין בירורים, איז צי ווייל זיי האבן געהאלטן אז עס איז נישט קיין שאלה אין הלכה נאר אין השקפה צו אן אנדערע סיבה, אבער נישט קיין חילוק פארוואס, א גדול בישראל מיז זיך נישט אייביג מברר זיין ער איז בחזקת גדול ישראל.

**תמצות היוצא פין די מאמר אין פין די פאריגע מאמר** אז ווילאנג די פחד איז נאך געווען אז די ציונים האבן נאך אן השפעה אין די המון עם קען ווערן נאכגעשלעפט צי זייערע דעות אין חלילה אפלאזען די תורה הקדושה דעלמאטס פארשטייט מען וואס אסאך ערליכע אידן האבן אנגעקוקט דעם ספר ויואל משה פאר א ספר וואס האט צו געהאלפן צו די אמונה ווייל אז מען וועט שטיין ווייט פין זיי וועט מען בלייבן ביי די אמונה הטהורה אינעם אייבערשטען מיט שמירת התורה, אבער היינט אז עס עקזעסטירט שוין נישט זייערע רעיונות ווי מיר האבן ערקלערט אינעם פאריגען מאמר איז די ספר נישט מער ווי אן הלכה ספר כשאר ספרי הלכה, אין ווער עס וויל ביי זיך אויפבויען די אמונה אינעם אייבערשטען קען ער עס טרעפען אין חובת הלבבות, אין און אגרת תימן להרמב"ם, רמב"ן על התורה וכדו'.

# "בין והתבונן"


יצא לאור ע"י חבורות **"תורה ויראה"**
אברכים המתאבקים בתורת האמיתי של רבינו הק' – סאטמאר וויליאמסבורג
בהסכמת כמה תלמידי רבינו משנים קדמוניות



הערות ישלח אל 280wal@gmail.com

# וואלט נאך רבינו הקדוש זי"ע היינט לוחם געווען אנטקעגן ציונות ווי אין שנת תשכ"ז?

חלק א

**קליפת הציונות**

די קליפה פון די רעיון הציונות וואס האט זיך נאך אנגעהויבן אין די יארן ארום תרנ"ז איז געווען אריין צו ברענגען ביי אידישע קינדער אז די Definition פון א איד איז פינקט ווי די Definition פון א דייטשער גוי אדער אן ענגלענדער אין א פוילישער, וואס די גאנצע סיבה פארוואס די אומות זענען א אומה איז נאר ווייל עס איז דא אזא לאנד וואס הייסט דייטשלאנד, פוילן וכדו', אין זיי האבן זייער שפראך, אין כדי צו זיין א בירגער אין איינע פון די מדינות מיז מען וואוינען דארט, אין קענען די שפראך וכדו', אין די רעיון האט אויך געוואלט זאגן אז להבדיל ביי די אידישע אומה וועט זיין א לאנד "ישראל" מיט א שפראך אין די Definition פון א איד(ישראל) איז ווער עס וועט וואוינען אין די לאנד אין רעדן די שפראך, אין האלטן די תורה איז ווי Optional רח"ל, להבדיל פונקט ווי די אנדערע רעליגיעס וואס עס קען זיין א אונגארישער גוי וואס האלט די קריסטישע רעליגיא וואס ער איז א אונגארישער ווייל ער וואוינט דארט אין חוץ פון זיין אומה האלט ער זיך אויך צו א רעליגיא, אין די זעלבע א פוילישער גוי וואס האט א רעליגיא וכדו'.

**פארוואס האט ציונות געכאפט בעוה"ר הונדערטער אדער טאזענטער אידן פאר די קריג**

אין דעם באקוועמען אמעריקע קענען אינז נישט זיך פארשטעלן די מצב פון די אידן פארן ערשטן וועלט קריג אין בפרט נאך די ערשטע קריג ווי די איד איז געווען אראפגעקיקט ביי די אומת העולם, אין איז געווען ווי Second Class מענטשען, אין נישט געהאט די רעכטן אין לאנד ווי די אנדערע בירגער, איז דאס האט גורם געווען אז ווען די רעיון הציוני האט אנגעהויבן צו באנטעווען אין די גאסן האבן זיך ציגעכאפט צו דעם זייער אסאך נישט בע"כ נאר מרצון עצמו, ווייל דאס זאגט אז מיר וועלן ווערן זעלבסטשטענדיג אין זיך קענען הייבן די קעפ, אין און אינזער לאנד וועלן מיר זיין First Class אין האבן די רעכטן פונקט ווי אן אנדערען, אין די אומות העולם וועלן מער נישט אראפ קוקן אויף די איד ווייל אינז זעמער פינקט ווי א צווייטער. אין עס האט אנגעהויבן צו קאסטן הונדערטע אין הונדערטע נשמות ישראל וואס האבן אפגעלאזט די הייליגע תורה, אין בפרט אין רוסלאנד, פוילן, אין שפעטער אויך און אונגארן.

**גדולי ישראל**

די גדולי ישראל האבן לוחם געווען בחרב ובחנות אנטקעגן דעם אין געהאלטן דרשות אין געמאכט אסיפות וואס מען קען טוען, אין עס איז געווארן גאנצעטע חלוקי דעות צווישען די גדולי ישראל וויאזוי מען זאל לוחם זיין אנטקעגען, אבער די צד השוה שבהן איז געווען צו באהיטען די אידישע פאלק נישט צו שטיין נאנט צו דעם רעיון, אין צו באפעסטיגען ביי די אידן אז אן היטן די הייליגע תורה סיי תורה שבכתב אין סיי תורה שבע"פ איז מען נישט קיין איד.

**נאך די צווייטע וועלט מלחמה**

ווען איז געלונגען בעוה"ר פאר די רשעים צו באקומען די השתלטות אויף ארץ ישראל אין אוועק שטעלן די מדינה אז דאס פארטרעט די אידישע אומה ווי זייער פלאן איז געווען, האבן די גדולי ישראל געציטערט אז וויבאלד די רעיון האט דערגרייכט זייער קלומאקס הצלחה, זיי האבן שוין זייער לאנד, וועט דאס יעצט אנהייבן צו כאפן פי כמה מער אידן, אין בפרט יעצט ווי די אידן האבן געהאלטן נאך א שווערע דורכגאנג מיט די צווייטע וועלט מלחמה אין די איד איז געווען נשפל עד לעפר ממש כידוע.. וועלן די אידן יעצט ווייטער זוכען חירות, וועלן זיי זיך ציכאפן צו די רעיון הציוני, אין נאכמער וויבאלד זייער אסאך אידן זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל נאכן קריג, אין די ממשלה פון ארץ ישראל ליגט יעצט אין די הענט פון די ציונים, וועלן זיי פאניגען די ערליכע אידן, וועט דאס אויך גורם זיין אז די ציבראכענע אידן וועלן זיך ציכאפן צו זיי אין צוביסלעך אפלאזען די הייליגע תורה אין ווערן א לאומי איד.
אין די גדולי ישראל האבן זיך געשטעלט אויפן פראנט אין לוחם געווען מלחמת ה' אין געטוען אלע מיטלען אז די אידישע פאלק זאל בלייבן מקושר צו די תורה הקדושה אין די Definition פון א "איד" זאל ווייטער בלייבן אז ער היט די געזעצן פון אינזער הייליגע תורה אין גארנישט נישט מער.

**מחלוקת פון בעלזא רב מיט רבי'ן זי"ע**

אין וויבאלד די ציונים האבן דעלמאטס אנגעהויבן מושל צו זיין אויף ארץ ישראל, אין א גרויסע חלק פון ערליכע אידן זענען געווארן דעלמאטס אינטער די ממשלה פון די ציונים, האבן גדולי ישראל דן געווען וויאזוי מען דארף זיך אומגיין אינטער אזא ממשלה, פון איין זייט דארף מען זעהן אז דער איד זאל נישט נתפס ווערן צו זיי אין אפלאזען שמירת התורה והמצות, אין מצד השני דארף מען זעהן אז זיי זאלן נישט גוזר זיין אויף די ערליכע אידן גזירות רעות. כידוע איז געווען גרויסע חליקי דעות די בעלזא רב אין נאך גדולי ישראל האבן געהאלטן אז עת לעשות לה' אין מען דארף זעהן אז די ציונים זאלן נישט קענען האבן די גאנצע השתלטות ווייל זיי זאלן נישט

קענען גוזר זיין וואס זיי ווילן, אבער די רבי אין נאך גדולי ישראל האבן געהאלטן אז וויבאלד די רעיון האט א כח צו מושך זיין הונדערטע אידן אפצילאזען די הייליגע תורה אזוי ווי עס איז געווען בעפאר די קריג, האבן זיי געציטערט אז אפשר האט נאך די רעיון אן השפעה, אשר ע"כ זאל מען שטיין ווייט פין דעם רעיון ווי ווייט מען קען נאר, אין זיך שלאגען מיט דעם מבחוץ, אין ער האט געשריבן אויף דעם זיין ספר ויואל משה מיט גרויסע בירורים אין שארפע לשונות צי שטיין ווייט פין זיי כמטחוי קשת, אלעס וויל ער האט געציטערט אז עס זאל אריין קומען ביי אידן אזא רעיון אז מען קען זיין א איד אן שמירת התורה והמצות.

**היינט ווען מען קוקט צירוק**

למעשה אז מען איז זיך מתבונן זעהט מען ווי דער אייבערשטער האט געהאלטן זיין רעכטע האנט אויף זיין פאלק אין וויבאלד רוב מקומות ווי אידן וואוינען היינט, האט דער איד דער זעלבע רעכטן אין חירות ווי דער גוי, איז פין די דור וואס איז געבוירן נאכ'ן קריג איז די געדאנק אין רעיון אז די Definition פין א איד איז נישט די הייליגע תורה אין די אמונה אין די יג' עיקרים איז נעקר געווארן בשורש, אין היינט ציטאגס איז אפילו נישט דא קיין נסיון צי אזא געדאנק, (עס איז דא אנדערע נסיונות ביי אידן ווי פריקת עול פין תאוות אבער עס רירט נישט אן די אידישע אומה בכלליות), אין און די לעצטע 60 יאר איז נישט געווען קיין איין איד וואס האט אנגעהויבן צי האלטן אז מען קען זיין א איד אן שמירת התורה, פשוט וויל די גאנצע נסיון איז נאר געווען ווי לאנג די אידישע פאלק איז געווען אינטערדריקט אינטער די אומות אין אז מען קען האבן חירות אן דעם וואס פעלט עס אויס.

**ציונות היינט ציטאגס**

אין היינט ציטאגס איז פין די גאנצע קליפה פין ציונות נאר געבליבן אז וויבאלד די ממשלה פין ארץ ישראל ליגט אין די האנט פין די פרייע אפגעפארענע אידן וואס רעכענען זיך נישט מיט די תורה אין זיי האבן נאך א שנאה צי די שומרי תורה אין בידם ליגט גוזר צי זיין גזירות ווי חטוטי שכבי, גיוס בנים ובנות, ועוד הש"י, איז אויף דעם האט זיך יעדער קרייז זייער בליק ווי אזוי ציצוגיין צי ניצל ווערן פין די גזירות פין די רשעים.

אבער דאס איז קלאר אז היינט ציטאגס נישט קיין חילוק אויף וועלכע אופן מען גייט צי צו דעם, איז קיינער נישט קיין גרעסערע מאמין אין די יג' עקרים מער פין א צווייטער, וויל אויב מען וועט הערן אלע צדדים פין אלע דרכים וועט מען זעהן אז יעדער האט א תורה'דיגע סיבה פארוואס ער גייט צי דווקא אזוי, קען זיין אז מען קען זיך קריגען אויף זייער סיבה אין האלטן אנדערש אזוי ווי אין די גאנצע תורה געפינט מען חליקי דעות, אבער אין יג' עקרים רירט עס נישט אן, ווי מען קען אמאל זעהן אידן וואס האבן נאך קיינמאל נישט געלערענט די ספה"ק ויואל משה אין גייען צי די בחירות אין זיי גלייבן מער אינעם אייבערשטען אין זיי האבן מער יראת שמים עובר צי זיין אויף אן עבירה ווי איינער וואס קען ויואל משה בע"פ אין גייט נישט צי די בחירות, וויל די אלע חליקי דעות צווישען די ערליכע אידן רירט נישט אן די אמונה אינעם אייבערשטען, אין פין די גאנצע ציונות היינט איז נישט געבליבן מער ווי א חבורה רשעים(אנטיסימיטען) וואס זענען גוזר גזירות רעות פאר אידן שומרי תורה.

אלזא ווענדן מיר זיך צי אינזערע דיינים אין ת"ח וואס זענען קרוב למחנינו עס איז שוין העכסט צייט מען זאל אויפהערן צי פארנומען זיין אז די גאנצע וועלט זענען מינים ואפיקורסים אין נאר סאטמאר גלייבט אינעם אייבערשטען אין לוחם זיין אין פייער'ן כאילו עס פאלן אוועק טאג טעגליך אידישע קינדער פין די הייליגע תורה, אין אז מען וועט לערענען ויואל משה וועט מען זיך האלטן ביי די אמונה אינעם אייבערשטען, אז די האלטס אז עס איז אסור הנאה צי האבן פין די מדינה געזינטערהייט, אבער מאך עס נישט פאר קיין עיקר ווי איינע פין די 13 עיקרים, אין אויב עס איז נאר א איסור קען מען חולק זיין פינקט ווי די גאנצע תורה זה אומר טמא וזה אומר טהור, אין די זעלבע איז בנוגע ארויסהעלפן די ארץ ישראל'דיגע אידן מיט זייערע גזירות מה טוב ומה נעים, אבער שפילטס נישט כאילו מען האלט נאך יעצט אין שנת תשכ"ז יארן, וואס דעלמאטס זענען די מלחמה'ס געווען אויך נאר וויל מען האט מורא געהאט אז זייער רעיון איז נאך חי' וקים אין די המון עם וועט זעהן זייער הצלחה וועלן זיי חלילה נתפס ווערן אין צוביסליך אפלאזען די תורה הקדושה, אבער היינט אפילו ביי זיי אליין איז שוין כמעט נישט דא אזעלעכע וואס לעבן מיט די רעיון, היינט זענען זיי סתם פורקי עול אן קיין אידילאגיעס, אין די אלע וואס פאלן ליידער אוועק דארט קומט עס נישט פין קיין שיטות מיט אידילאגיעס נאר סתם פורקי עול מחמת תאוות רעות פינקט ווי דא אין אמעריקע.

יצא לאור ע"י אברכים המתאבקים בתורת רבינו הק' האמיתי – סאטמאר וויליאמסבורג
בהסכמת כמה תלמידי רבינו משנים קדמוניות

הערות ישלח אל 280wal@gmail.com